שנה ד'
נומער 188
פרשת כי תבא
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



**סיום הש"ס** פון
הילד נחמן שמחה
אפעלבוים נרו יאיר -
זונטאג כי תצא




**צווייטע סיום הש"ס**
פון החתן המפיץ
מרדכי לייב טירנויער
נרו יאיר



## לחיים - ווארט - תנאים

פון החתן
**שמעון נרו יאיר**
בן **הראש ישיבה שליט"א** עב"ג
**הרב אברהם משה שטראססער**
**שליט"א** מנהל המוסדות - מיטוואך
כי תצא

**14 טעג צו אומאן ראש השנה תשפ"ד**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**




**וועלטליכע נייעס**
וואגנער פירער אין רוסלאנד אומגעקומען
**9**



**שטעטל נייעס**
צוזאמקום פאר די חשוב בודקי העירוב
**10**



**היכל הקודש נייעס**
אנטדעקט כתב יד קדשו פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע
**11**



**געדאנקען**
גרויסע בעלי גאווה קומען זיך לערנען
**14**



**מיט א טיפערן בליק**
א שטריק
**20**



**די אידישע שטוב**
צומישטע החלטות
**28**


## זמנים Liberty
כי תבא ט"ז אלול תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:14
מוצאי שבת ............ 08:43

מנחה מעריב נצבים וילך ... 08:20

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 01 | 71°/50° | | Sunny |
| Sat 02 | 76°/55° | | Mostly Sunny |
| Sun 03 | 78°/58° | | Mostly Sunny |
| Mon 04 | 80°/61° | | Mostly Sunny |
| Tue 05 | 80°/60° | | Mostly Sunny |
| Wed 06 | 81°/61° | | Partly Cloudy |
| Thu 07 | 79°/59° | | Mostly Sunny |
| Fri 08 | 77°/59° | | PM Thunderstorms |




## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו**
**וזוגתו בילא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**
**צו די חתונה פון זייער זון שלום נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.



# בריוו צו די רעדאקציע

## שיינע שיחות ארויסגענומען פון די שמועסן פונעם ראש ישיבה שליט"א

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית ברסלב בלעטל און די חשוב'ע לייענער, שיחיו.

יישר כח פאר די שיינע אויסגאבע, וואס שטעלט צו הערליכע ארטיקלען פאר די אידישע שטוב און פאר די קינדערלעך, בפרט וואס איר האט לעצטנס אנגעהויבן צוצולייגן א רובריק פון וועלטליכע נייעס מיט א ערליכע תורה'דיגע בליק, וואס מ'קען ארויסנעמען פון די נייעס, לויט ווי מער לערנען פונעם ראש ישיבה שליט"א.

איך האב געוואלט בעטן אויב עס איז שייך עס זאל צוריק אנהויבן צו ערשיינען די שאלות ותשובות אויף די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה, אויסגעשטעלט אין א קעסטל רעטעניש פארמאט, מיר האבן זייער הנאה געהאט דערפון.

*

ביי די שיינע שמועסן מיטן ראש ישיבה שליט"א דעם פאראגנגענעם שביעי של פסח ווען דער ראש ישיבה איז געווען ביים בית המדרש עצתו אמונה, האט איינער פון די תלמידים געפרעגט דעם ראש ישיבה אויף א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געהאט געשריבן נאנט צו פסח, וועגן שבתון'ס, דער ראש ישיבה שרייבט בתוך הדברים: בכלל איז שבתון'ס נישט קיין גוטע זאך, קיין גוטס קומט נישט ארויס פון דעם. מיט אלע הסכמות, מיט אלע רעדנערס, בדחנים, טערעפיסטן - קומט נישט ארויס קיין גוטס פון דעם, הלוואי זאלן קומען רבנים און דאס מבטל זיין כעפרא דארעא (א בריוו פון יום ב' פרשת צו, ה' ניסן, שנת תשפ"ג לפרט קטן), האט דער אינגערמאן געפרעגט, פארשטייט זיך מיט דרך ארץ, אויב דער ראש ישיבה קען אביסל מער אויסברייטערן דעם שמועס וואס איז אזוי שעדליך מיט שבתון'ס וכו' און צי ס'איז לעצטנס פארגעקומען עפעס ספעציעל וכו'; האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "איין מעשה? וויפיל מעשיות ווילסטו הערן...?!" און דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט ווי די שבתון'ס וואס ווערן געמאכט דורך ארגאניזאציעס צו העלפן מענטשן מיט חינוך, שלום בית און אזוי ווייטער ווערן געלינקט צו טערעפיסטן, דאס הייסט, מען געבט א געלעגנהייט זיך אראפצוזעצן שמועסן מיט די טערעפיסן וואס טרעטן אויף מיט דרשות און רעדעס דורכאויס דעם שבת, און דאס ענדיגט זיך נישט גוט... דער ראש ישיבה האט דערציילט א ספעציפישע פאל ווי א פארפאלק מיט א שיינע שטוב מיט קינדער האט זיך כמעט גע'גט רחמנא לצלן ווייל זייענדיג ביי אזא סארט שבתון, וואס שטעלט (כלומר'ש) אוועק ווי אזוי א אידישע שטוב דארף זיך פירן, האט זיך די פרוי געטראפן זיצן מיט א טערעפיסט וואס האט איר מסביר געווען אז עס האט נישט קיין זין צו בלייבן ווייטער פארהייראט, נאכדעם וואס ז' קען נישט טרעפן עפעס ספעציעל אין איר מאן מיט וואס ער איז מער פון אנדערע וכו', בלא בלא בלא.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז יענע משפחה האבן קרובים אין היכל הקודש וועלכע האבן זיך פארבינדן מיט די פארפאלק און דערגאנגען פון וואס די רעדע איז, אז א אידישע שטוב האלט ח"ו ביים צעבראכן ווערן פאר נארישקייטן, צוליב'ן זיך אָנקערן מיט א טערעפיסט, און זיי האבן זיך בס"ד אריינגעלייגט זיי צו העלפן און ביז א קורצע



צייט איז אלעס צוריקגעגאנגען אויף די רעלסן, און מ'האט בעזרת השם באוויזן אפצוראטעווען א אידישע שטוב.

אגב, איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב די משפחה פון היכל הקודש האבן אריבערגעברענגט די פארפאלק צום ראש ישיבה וכו', האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אז איך געב דיר א רעצעפט ווי אזוי צו קאכן א פיינעם טשאלנט קענסטו נעמען דעם רעצעפט און אליין קאכן דעם טשאלנט, איך מוז דאס נישט יעדעס מאל אליין קאכן", ווי צו זאגן, אז דו קענסט העלפן א משפחה מיט די עצות וואס דו הערסט דא - העלף זיי, דארפסט זיי נישט ברענגען צו מיר.

דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט גרויס ווייטאג: "גרויסע קהילות בישראל וועלן זיך טרעפן מיט גאנצע קהילות גרושים און גרושות לא עלינו, מ'וועט נישט וויסן ווי דער פראבלעם שטעקט, און ווען מ'וועט זיך כאפן וועט שוין זיין צו שפעט..."

איך האב זיך דערמאנט פון דעם שמועס יעצט, נאכדעם וואס מיט א קנאפע 3-2 וואכן צוריק, איין שבת צופרי, ביים הערליכן וועכנטליכער זוהר שיעור, האט דער ראש ישיבה ווידער גערעדט פון דעם נושא מיט נאך א קנייטש, נעמליך, ווי די סארט שבתים ברענגט צוזאם אונטער איין דאך פארפעלקער און יחידים פון אלע סארטן דרגות אין יראת שמים, ערליכע וואוילע משפחות לצד משפחות וואס האבן נישט קיין יראת שמים, און דאס האט גאר א שטארקע השפעה לרע. דער ראש ישיבה האט אנגעכאפט עטליכע דוגמאות ווי ערליכע משפחות זענען זאכן ביי אנדערע וואס איז פאר זיי געווען ווילד פרעמד, און זיי ווערן דורכדעם אפגעקילט פון זייער יראת שמים און ערליכע לעבנסשטייגער.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט און ארויסגעברענגט לשבח וואס א אינגערמאן האט אים דערציילט, דער אייבערשטער האט אים געגעבן די נסיון פון ווארטן אויף קינדער אסאך יארן, און



במשך די יארן האט ער אנגעהויבן גיין צו א שבתון פאר קינדערלאזע פארפעלקער לא עלינו, אבער ער האט אנגעהויבן צו באמערקן אז יעדע מאל נאך אזא שבת באקומט ער א קאלטקייט צו אידישקייט און צו תורה ומצוות, ביז ער האט אפגעמאכט ביי זיך: 'דער אייבערשטער האט מיך געפרואווט מיט א נסיון, איך האב נאכנישט קיין קינדער, זאל איך חס ושלום דעם אייבערשטן אויך נישט האבן, תורה ומצוות אויך נישט האבן?!' און דער ראש ישיבה האט דאס באטראכט ווי א נס וואס דער אינגערמאן האט געהאט.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז זיין צוזאמען מיט אידן מיט שטריימל, בעקיטשע און ווייסע זאכן מיינט נישט צו זאגן אז מ'איז אין א ערליכע סביבה, דער ראש ישיבה האט האט געזאגט אז היינט צו טאגס מיינט א שטריימל גארנישט, מ'דארף וויסן וואס טוט זיך אין קאפ... ווי דער ראש ישיבה שרייבט לעצטנס אין א בריוו (יום א' פרשת שופטים, כ"ו מנחם-אב, שנת תשפ"ג לפרט קטן): וואס מיינט חסידי'שע אינגעלייט? אז מען גייט מיט א שטריימל?! מען קען גיין אנגעטון מיט א שטריימל און ווייסע זאכן און זיין זייער ווייט פונעם אייבערשטן; מען איז אנגעפילט מיט לצנות, מען שפעט פון צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פארן כבוד פונעם אייבערשטן.

אז מען איז אין א פלאץ וואו עס דרייען זיך לצים - דארף מען זייער אכטונג געבן נישט ווערן נאנט מיט זיי און חס ושלום זיך טענה'ען, ווייל דאס איז זייער א גרויסע סכנה.

דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט וועגן גיין אין קאנטרי, אז מ'דארף זייער אכטונג געבן מיט וועם מ'גייט און מיט וועם מ'דרייט זיך.

און דער ראש ישיבה האט ממשיך געווען אז די זעלבע זאך איז לגבי היכל הקודש, מען דארף האבן גוטע חברים מיט וועם מ'דרייט זיך און זיך נישט חבר'ן מיט לצים און נישט ערליכע מענטשן. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "קיינער איז נאכנישט אוועק געגאנגען פון היכל הקודש פון זיך אליינס, קיינער האט נאכנישט געעפנט די טיר און אוועק פון היכל הקודש; היכל הקודש איז דאך ביטול הבחירה, מען באקומט דא אזא שיינע לעבן ברוחניות ובגשמיות, ווי איז שייך דאס אפצולאזן און אוועק גיין?! נאר אז מען טשעפעט זיך אן אין

שלעכטע חברים, מען הערט ליצנות וכדומה, דאס קען אוועקשלעפן חס ושלום".

דער ראש ישיבה האט דערציילט מיט באדויער איבער א וואוילע תמימות'דיגע משפחה וואס זענען אוועקגעגאנגען פון היכל הקודש צוליב זומער אין א קאנטרי... ווי דער אינגערמאן האט אנגעטראפן א לץ און די איינע זומער האט געקאסט דאס התקרבות זייערע.

דער ראש ישיבה האט אבער אויסגעפירט אז תלמידי היכל הקודש וואס האבן משפחה ארום און ארום וואס מאכן שבתון'ס און גייען צו שבתון'ס דארפן געבן פאר די קינדער עפעס אנשטאטס, מ'קען נישט האלטן און איין זאגן פאר די קינדער ניין, ניין און נאכאמאל ניין, בשעת זיי ווערן אנגערייצט פון משפחה ארום, דאס וועט ברענגען זיי זאלן חס ושלום ווערן אנטלויפן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די זאך וואס קען דאס פארמיידן איז דורכן אריינברענגען א פרייליכע שטימונג אין שטוב, אז ס'איז פרייליך אין שטוב, ס'איז פרייליך שבת און יום טוב, העלפט דאס אז די קינדער זאלן נישט נשפע ווערן פון משפחה, קרובים און חברים וואס טוען און פירן זיך אנדערש.

דער שמועס פונעם ראש ישיבה איז מיר געקומען אין געדאנק לערנענדיג א שיינע בריוון וואס דער ראש ישיבה האט לעצטנס געשריבן (יום א' פרשת שופטים, כ"ו מנחם-אב, שנת תשפ"ג לפרט קטן): **זיי פרייליך, קינדער האבן ליב א פרייליכע טאטע, און ווען דו ביסט זיי מחנך, דו לערנסט זיי ווי אזוי זיך צו פירן - זאל דאס צוגיין מיט גרויס שמחה. אין דיין פאל איז דאס זייער וויכטיג, ווייל אז די מאמע וועט זיי אלעס געבן און דו וועסט זיין דער וואס זאגט אויף אלעס 'אסור' - וועלן זיי ענדערש וועלן גיין צו די מאמע ווי צו דיר, זיי וועלן שפירן ביי דיר איינגעצוימט, און אז זיי וועלן זען ביי דיר אן עכטע פרייד - וועלן זיי נאר צו דיר זיך קלעבן.**

דאס איז איינע פון די יסודות וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז שטענדיג, ווי וויכטיג עס איז, בפרט היינטיגע טעג, צו זען עס זאל הערשן א פרייליכע ווארעמע אטמאספער אין שטוב, מען זאל כסדר זינגען און טאנצן מיט די קינדער, זיך נאריש מאכן מיט זיי און מאכן פרייליך.

אגב, אז מ'רעדט פון טאנצן און זיין פרייליך, האב איך פינקט אנגעטראפן אין איינע פון די מפרשים אויף ספר קהלת, רבי אברהם פַּרִיצוֹל ז"ל, מחכמי אוויניאן און איטאליע, וואס האט געלעבט אין די יארן ה'רי"ב - ה'רפ"ה, (דער הייליגער חיד"א ברענגט אים אראפ אין זיין פירוש אויף ספר קהלת), שלמה המלך זאגט (קהלת ג, ד) : "**ועת רקוד**", עס איז דא א צייט צו טאנצן, זאגט רש"י, "**בחתנים וכלות**", אז ביי א חתונה איז א צייט צו טאנצן, לייגט דער רבי אברהם צו נאך עטליכע זאכן: "**ועת לשחוק ולרקוד ולכרכר ולפזז בשמחות החתנים, ושמועות טובות, ובחדוש יום הולדת, והמלוכה, וההצלחות**", אז ביי יעדע שמועה טובה, ביי יעדע סארט הצלחה וכדומה - איז א צייט צו טאנצן און דאנקען דעם אייבערשטן.

*

אינעם פאריגן בלעטל איז געווען א שיינע ארטיקל פון חברינו מו"ה ישראל דוד העסקל הי"ו איבער די נושא פון שידוכים, עס איז טאקע א שווערע ארבעט, אבער די זכות איז גאר גרויס.

ווי אלע קענען זען און מיטהאלטן איז דער ראש ישיבה שליט"א עוסק אין שידוכים טאג און נאכט, בלי גוזמא, צו מאכן שידוכים פאר אידישע קינדער, אז אידישע קינדער זאלן זיין ערליך און הייליג און אויפשטעלן בתי נאמנים בישראל, שיינער ערליכע אידישע שטובער.

איך האב זיך דערמאנט ווי פאר א געוויסע תקופה, פאר ארום צען יאר צוריק פלעג איך העלפן דעם ראש ישיבה בעניין שידוכים. אסאך מאל פלעג איך שטוינען וויפיל כוחות דער ראש ישיבה לייגט אריין אין שידוכים וכו', דער ראש ישיבה האט דאך א ישיבה און מוסדות, און נאך אסאך זאכן צו טון, אבער בענין שידוכים האט דער ראש ישיבה געארבעט אן אן אויפהער, מיט איבערמענטשליכע כוחות, און דער ראש ישיבה פלעגט מיר זאגן: "זאג פאר די בחורים וואס דער ראש ישיבה טוט אלץ פאר זיי, דערצייל זיי..." עס איז מיר נישט צו סאך אויסגעקומען דאס צו קענען מקיים זיין, איך האב אמאל געזאגט פאר בחורים דא דארט, ווי דער ראש ישיבה רוט נישט קיין רגע, זיין גאנצע דאגה איז ווי ער קען דיר טרעפן א שידוך וכו' וכו', אבער דער ארטיקל פון ר' ישראל דוד האט מיך אביסל צוריק געשלעפט צו יענע תקופה.

איך האב אביסל צוריקגעקוקט אין מיינע אימעילס פון יענע תקופה, האב איך געטראפן אן אימעיל וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געשריבן. איך האב געשריבן פאר'ן ראש ישיבה אויף א געוויסע שידוך וואס דער ראש ישיבה האט מיר געבעטן איך זאל ארבעטן דערויף און איך האב זייער שווער געארבעט אויף דעם עטליכע וואכן, אבער למעשה איז גארנישט געווארן דערפון, - אז איך בין נישט צעבראכן אז עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, און אדרבה אויב קען איך מיט נאך עפעס העלפן דעם ראש ישיבה וועל איך ווייטער העלפן וכו', האט מיר דער ראש ישיבה געשריבן: **"יעצט האב איך הנאה פון דיר, ווייל א מענטש דארף טון צדקה וחסד פארן אייבערשטנ'ס וועגן, נו ווי אזוי ווייסט א מענטש צי ער טוט לשם השם?**

**נאר ווען ער איז גרייט צו העלפן ווייטער מענטשן אפילו ער זעט גארנישט וואס ער טוט - דאס איז א סימן אז דער מענטש וויל גארנישט, נאר דעם באשעפער. אביסל קענסטו זען וואס איך גיי אדורך א טאג, דער מח קען פלאצן, אבער ברוך ה'..."**

על כל פנים, מיר דארפן זיך לערנען פונעם ראש ישיבה וואס מיר קענען טון צו ברענגען אדער כאטש צוהעלפן ברענגען שידוכים פאר אידישע קינדער.

איך וועל אראפברענגען צוויי שיינע בריוו וואו דער ראש ישיבה האט געשריבן חיזוק צו עוסק זיין אין שידוכים:

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת צו, ה' ניסן, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**מרת ... תחי'**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

**איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן מיט אייער ארבעט און איר זאלט ווייטער עוסק זיין אין שידוכים.**

**עס איז נישט דא נאך אזא גרויסע מצווה ווי צו מאכן שידוכים; קיינער ווייסט נישט ווי צעבראכן בחורים זענען, קיינער חלומ'ט נישט וואס גייט אריבער אויף מיידלעך, ווי שטארק זיי ווילן שוין אנהייבן זייער לעבן און זיין פרייליך.**

**עס איז נישט דא נאך איינער וואס איז אזוי צעבראכן ווי א בחור; דער ס"מ לויפט כסדר פאר'מסר'ן אידישע קינדער פארן אייבערשטן, ער איז מקטרג אויף בחורים אז מען כאפט זיי ביי נישט גוטע מעשים, אבער באמת וויל דער בחור זיין גוט און וואויל, ער וויל נישט אראפ פאלן אין נישט גוטע מעשים, נאר ער איז ביי זיך אזוי צעבראכן און דאס ברענגט אים צו זינדיגן רחמנא לצלן.**

**א שדכן דארף האבן זייער אסאך התחזקות אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט; זייער אסאך מאל מיינט מען אז מען גייט ענדיגן א שידוך און פלוצלונג ווערט עס אויס, דאך טאר מען נישט ווערן צעבראכן. מען דארף געדענקען וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, טז): "לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר, וְלֹא אַתָּה בֶן חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה"; דער אייבערשטער פירט דער וועלט און ער איז דער מזווג זיווגים, מיר דארפן טון וויפיל מיר קענען. דעריבער בעט איך אייך זייער איר זאלט ווייטער עוסק זיין אין די הייליגע מצוה פון מאכן שידוכים און אין דעם זכות וועט אייך דער אייבערשטער באצאלן מיט נחת ביי אייערע קינדער.**

**געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב א חלק אין אסאך שידוכים וואס איך האב זוכה געווען צו זיין דארט דער שדכן, איך ווייס גאר גוט וואס מיינט מאכן א שידוך, וויפיל צייט און עגמת נפש וכו' דאס קאסט אפ, נאך יעדע שידוך טראכט מען "דאס איז דאס לעצטע שידוך ווי איך בין שדכן", מען וויל אויפהייבן די הענט און אלעס אפלאזן, אבער מען טאר נישט נאכלאזן נאר מען דארף ענדערש אויפהייבן די הענט צום הייליגן באשעפער און אים בעטן פאר אידישע קינדער.**

**שטארק אייך און זייט ממשיך מיט אייער ארבעט צו העלפן אידישע קינדער.**

**...**

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמיני-א, ט' ניסן, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**מרת ... תחי'**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

**איר שרייבט אז איר האט נישט געקענט שלאפן ביינאכט פון דעם שידוך וכו'.**

**וויסן זאלט איר אז נישט יעדער קען זיין א שדכן, ווייל צו זיין א שדכן דארף מען זיין זייער שטארק און מען טאר נישט צעפאלן וכו'. זייער אסאך מאל זעט**

אויס ווי א שידוך גייט ווערן און ביים סוף ווערט עס נישט, דארף מען זיין זייער שטארק נישט צו ווערן צעפאלן ביי זיך, און מען דארף ווייטער פרובירן צו העלפן אידישע קינדער.

עס איז דא אמאל וואס א בחור און א מיידל טרעפן זיך, זיי רעדן איינער מיטן צווייטן און עס זעט שוין אויס ווי עס גייט ווערן א שידוך, למעשה ווערט נישט דער שידוך. זאגט דער רבי (ספר המידות, אות חתון, סימן ז) אז דאס איז אויך א שידוך.

ווען דעם רבינ'ס ווייב איז נפטר געווארן און דער רבי איז געווען אין ראדוויל בעפאר'ן א שידוך טון מיט זיין צווייטע ווייב, זענען געקומען אסאך פרויען זיך משדך זיין מיט אים, האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תקצה): "אלע זענען זיינע שידוכים, און יעדער מענטש האט כמה וכמה זיווגים, ביי יעדן איינעם גייט עס אנדערש", אלע שידוכים וואס מען רעדט איז שוין אויך א בחינה פון שידוך, אפילו עס ווערט נישט אויסגעפירט.

דער רבי זאגט (שם): מענטשן שמועסן ביי זיך אין שטוב "דער בחור וואלט גוט געווען פאר די מיידל"; אפילו ווען דער שידוך זאל זיך נישט אנהייבן און נישט ענדיגן איז דאס אויך א בחינה פון א שידוך. "וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה, וְלִפְעָמִים נִגְמָר הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר-כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים, וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר-כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשֶׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם. וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּמָּה בְּחִינוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיְנֵי הַשִּׁדּוּכִים וְהַזִּוּוּגִים שֶׁאֵינָם נִגְמָרִים אַחַר-כָּךְ, אֲבָל כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ. כִּי כָל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים, רַק שֶׁאֵצֶל זֶה נִגְמָר אֵיזֶה זִוּוּג שֶׁלּוֹ עַל-יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר בְּעָלְמָא שֶׁמְּדַבְּרִים מִזֶּה הַשִּׁדּוּךְ, וְלִפְעָמִים עַל-יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר יוֹתֵר אוֹ עַל-יְדֵי אֵיזֶה הִתְקַשְּׁרוּת אוֹ נְסִיעָה אוֹ עֻבְדָּא בִּשְׁבִיל הַשִּׁדּוּךְ לְפִי שָׁעָה וְכוּ' כַּנַּ"ל"; זעט מען פון דעם אז יעדע זאך וואס מען טוט פאר א בחור און פאר א מיידל כדי זיי זאלן טרעפן זייער שידוך - אפילו עס ווערט נישט - איז אויך עפעס, ווייל עס ווערט נענטער זייער ריכטיגער שידוך, עיין שם.

דעריבער בעט איך אייך זייער, ווערט נישט צעפאלן ביי זיך אז דער שידוך האט זיך נישט אויסגעפירט, נאר מיר דארפן ווייטער טון פאר אידישע קינדער. ווען איר זאלט וויסן וויפיל שידוכים איך האב שוין אנגעטראגן במשך די פאר יאר וואס די ישיבה שטייט, וויפיל חלישות הדעת, עגמת נפש און בזיונות איך האב פון דעם געהאט... יעדעס מאל איך פארע זיך מיט א שידוך און עס ווערט פארפלאנטערט וכו' וכו' טראכט איך צו מיר: 'וואס פעלט מיר אויס מאכן שידוכים', און יעדעס מאל טראכט איך 'דאס איז די לעצטע שידוך וואס איך פארע זיך'; ווייל עוסק זיין מיט מענטשן איז נישט פון די גרינגסטע זאכן, אבער אז מען האט נישט אינזין קיין כבוד און קיין געלט, מען וויל נאר איין זאך 'העלפן אידישע קינדער', מען וויל ראטעווען בחורים פון עבירות, דעמאלט קוקט מען אויף גארנישט. און אז מען האט אינזין דעם אייבערשטן, דאן איז מען מצליח.

דער עיקר דארפן מיר בעטן דעם אייבערשטן אויף בחורים און מיידלעך אז זיי זאלן זוכה זיין צו טרעפן זייער זיווג און אז מען בעט דעם אייבערשטן קומט שידוכים, אזוי ווי רבי זאגט (ספר המידות, אות רחמנות, סימן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁדּוּכִים טוֹבִים וְהֲגוּנִים", דורך תפילה איז מען זוכה צו טון גוטע שידוכים.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

*

אין די סעריע פון היסטאריע איבער תיקון הכללי ווען מיר די וואך דערמאנען דעם ספר "מעין הברכה" וואס האט מחבר געווען הרה"ג רבי יצחק ליפיץ (ליפיעץ) זכרונו לברכה, דער ספר איז געשטעלט אויף עניני שמירת הברית, און ער ברענגט אראפ אסאך שטיקלעך פון הייליגן רבי'ן, און אויף דף כ"א עמוד א' און עמוד ב' ברענגט ער דעם תיקון הכללי, (עס איז אינטערעסאנט ווי אזוי ער ברענגט אראפ דעם מראה מקום, איתא בלקוטי מוהר"ן חלק אורח חיים, סימן ר"ה...)

נאכאמאל, יישר כח פאר די הערליכע בלעטל.

יואל שניצלער, קרית ברסלב


איתא בליקוטי מוהר"ן חלק או"ח סי' ר"ה וז"ל תיקון למקרה לילה ר"ל לומר אלו עשרה קפיטליך תהלים באותו היום שאירע לו ח"ו כי יש כח באמירת תהלים להוציא הטיפה מן הקליפה


סימן טוב ומזל טוב
פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן
א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער חשובער
ראש ישיבה שליט"א
צום שידוך שליסן פון זיין זון
החתן שמעון נרו יאיר
עב"ג שתחי'
בת הרב אברהם משה
שטראססער שליט"א
מנהל המוסדות
דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה און
דער מנהל זאלן זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח אנצוגיין מיט
די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן
אויף די גאנצע וועלט, אמן.
הנהלת קרית ברסלב

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## וואַגנער פירער יעווגאַני פריגאָזשען אומגעקומען אין עראפלאן קראך

די לעצטע צייט האט די וועלט כסדר געהערט פונעם קוריאזן רוסישער פארשוין 'יעווגאני פריגאזשען'. "פריגאזשען זאגט", "פריגאזשען טענה'ט", "פריגאשען האט איינגענומען." ער איז כסדר געווען אין די נייעס.

ווער איז ער, און וואס איז זיין געשיכטע? פריגאזשען האט אנגעהויבן זיין קאריערע אלץ א פשוט'ער קעכער אין א רייכע רעסטוראנט, וואו ווילאדמיר פוטין פלעגט גלייכן צו קומען עסן, דער פריגאשען האט זיך שטארק גע'חנפ'עט צו פוטינען און זענען געווארט שטארק באפריינדעט. פוטין האט פון זיין זייט זיכער געמאכט גרויס און רייך צו מאכן זיין פריינט, ער האט אים צוגעטיילט פעטע קאנטראקטן פון די רעגירונג, און ווען פוטין האט געזוכט א פאסיגע מענטש איבערצונעמען דעם פריוואטן מיליטערישע גרופע "וואגנער", האט ער עס צוגעטיילט צו זיין געשוואוירענעם פריינט יעווגאני פריגאזשען.

פון די אנדערע זייט האט פריגאזשען געטריי געדינט זיין אויבערהאר, און האט ערפילט די רוסישע אינטערעסן און אויסגעפירט פוטינ'ס באפעלן אין פילע לענדער און קאנטינענטן. פילע אטענטאטן אויף פוטין פיינט וועלכע זענען "געפלויגן פון פענסטער" ווערן צוגעשריבן צו אים, אזוי אויך דער רוסישער אינוואזיע אויף אוקראינע אין יאר תשע"ד ווערט געקרעדיט צו זיין וואגנער גרופע.

דאס איז געווען צוליב וואס רוסלאנד האט דאן געדארפט שפילן כאילו עס האט גארנישט מיט זיי, עס איז פשוט אן אויפשטאנד פון לאקאלע אוקראינע בירגער וועלכע זענען אומצופרידן און דרייען איבער. פאר דעם איז די וואגנער גרופע געווען ממש צוגעפאסט, צוליב וואס זיי זענען א ציווילע און פריוואטע מיליטערישע גרופע.

די הויכפונקט פון דעם יעווגעני איז בלי ספק געווען זיין חדשים לאנגע קאמף איינצונעמען דעם שטעטל באכמוט, ווען די וואגנער קעמפער האבן דארט געקעמפט מיט ציין און נעגל, אבער דאס איז אויך געווען די אנהויב פון זיין שנעלע ענדע. די שווערע קאמפן האבן איבערגעלאזט זיין גרופע צובייליט און צוקלאפט, און נישט האבנדיג וועם צו באשוליגן האט פריגאזשען כסדר זיך געלאזט הערן העכער און העכער מיט אפענע און בייסיגע קריטיק קעגן דעם מיליטערישע פירער שייגא. ביז עס האט זיך דערקייקעלט צו א פולשטענדיגע אויפשטאנד קעגן די מיליטערישע פירער, וואס פוטין האט כלומר'שט צום סוף מוחל געווען ווען פריגאזשען מיט זיין באנדע האבן זיך אוועקגעדרייט פון מאסקווע און אנטרינען קיין בעלארוס.

פוטין האט אבער געווארט אויפן טאג ווען ער וועט קענען נקמה נעמען, און ווי עס שיינט האט ער יעצט געטראפן זיין געלעגענהייט, ווען פריגאזשען איז ארויף אויף זיין פריוואטע פליגער, האט די רוסישע רעגירונג - לויט די יעצטיגע באריכטן - באשאסן דעם פליגער מיט אנטי עירקרעפט מיסלס, און דערמיט אומגעברענגט דעם פריגאזשען מיט אלע אנדערע מיטרייזענדע.

דאס איז א קלאסישער ביישפיל פון וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז כסדר "אז דיין בעל הבית הייסט דיר טשעפען א צווייטן, רודפ'ן א צווייטן, זאג אים "דאס וועל איך לאזן פאר דיר", און אויב דו מיינסט אז עס איז הפקר וועלט, דו וועסטווארפן מענטשן, וועט נישט לאנג נעמען און דו וועסט אליינס געווארפן ווערן".

נאך מער זעט מען פון די פרשה די אמת'ע באדייט פון חברים. מוהרא"ש פלעגט זאגן, "א מענטש אויף דער וועלט איז גענצליך אליינס, מען האט נאר דעם אויבערשטן. נאר אויף אים קען מען זיך פארלאזן. אבער אויב איז דא א חבר איז עס נאר די ווייב, ווייל א חבר איז נאר א חבר ווען ער דארף דיר האבן, אבער אין די רגע עס וועט אים אויסקומען בעסער, וועט ער זיין דער ערשטער דיר צו באגראבן."

# שטעטל נייעס

## צוזאמקום פאר די חשוב'ע בודקי העירוב פון שטעטל



פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען א זעלטענע צאמקום פון הכרת הטוב בראשות דעם ראש ישיבה שליט"א פאר די חשובע בודקים פון די עירוב אין קרית ברסלב.

ווי אלע ווייסן האבן מיר ברוך השם אין שטעטל די לעצטע פאר יאר, א כשר'ע עירוב ארום דעם גאנצן שטעטל מיט'ן הכשר פון הרה"ג יחיאל שטיינמעץ שליט"א וואס גיבט דעם הכשר אויפן עירוב ארום די שטעטל.

עס האט גענומען א לאנגע צייט פון ווען מען האט אנגעהויבן טראכטן פון בויען א עירוב ארום די שטעטל ביז ווי מען האלט היינט אז די עירוב עקזיסטירט ברוך השם מיטן גאנצן פראכט.

די ערשטע תושבים געדענקען נאך גוט די צייטן פאר די עירוב איז געווען אין דינסט, מען האט נישט געקענט ארויסגיין שפאצירן מיט א קינד, מען האט געדארפט איבערקוקן די טאשן יעדע מאל פאר מען איז ארויס, זען אויב מען האט עפעס מיטגענומען. איינמאל ווען דער ראש ישיבה איז געווען פאר א שבת אין שטעטל האט דער ראש ישיבה גערעדט צו די תושבים אז מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו טראגן בטעות אין שבת, און מען כאפט זיך נישט אז אפילו די זוים פון די הויזן דארף מען אויסרייניגן ווייל דאס גייט אריין אין א שאלה פון טראגן.

ברוך השם אז דער ראש ישיבה האט גלייך אנהייב ביים בויען דעם שטעטל געלייגט א דגוש אז מען זאל האבן א כשר'ע עירוב, דער ראש ישיבה האט דעמאלט געשטעלט האברך מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו זאל שטיין בראש פון די וועד העירוב, און זען אז די עירוב זאל ווערן געבויעט מיט אלע הידורים וואס פעלט נאר אויס. דער ראש ישיבה האט ארויסגעשיקט אפאר געטרייע בחורים זאלן צוהעלפן צו בויען די עירוב, מען האט גאר שווער געארבעט אין די וועלדער ארום די שטעטל צו בויען דעם עירוב, ביז מען האט געזען דעם עירוב געענדיגט האט גענומען א היפש ביסל צייט.

ווי מען שטייט יעצט האט מען שוין ברוך השם א פערטיגן עירוב צו די צופרידענהייט פון אלע תושבים און געסט וואס ווילן פאר א שבת אין שטעטל.

אבער איין זאך וואס מען פאסט נישט אויף איז, אז יעדן ערב שבת דארף מען בודק זיין דעם עירוב אויב עס איז נישט געווארן ערגעץ צוריסן וכדומה. דער ראש ישיבה האט געשטעלט די חשובע מלמדים און נאך אפאר חשובע אינגעלייט וואס גייען ארום בודק זיין דעם עירוב יעדן איינציגן שבת פונעם יאר, אפגעזען וואס די מצב זאל נאר זיין, צו עס איז קאלט אדער הייס, ערב פורים, ערב פסח, ערב סוכות און אזוי ווייטער, יעדער קוקט איבער זיין חלק וואס מען האט אים געשטעלט צו איבערקוקן, און נאכן בודק זיין לאזט ער ויסן אז עס איז פערטיג און כשר.

אלס הכרת הטוב פאר די חשובע בודקים האט דער ראש ישיבה זיי אריבערגערופן אין שטוב פון מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו און איבערגעגעבן פאר יעדן א שיינע משניות, און בייגעלייגט א שיינעם בריוו זיך צו באדאנקען פאר די געטרייע ארבעט וואס זיי לייגן אריין שלא על מנת לקבל פרס, אן באקומען א גוט ווארט פאר די שווערע ארבעט א גאנץ יאר.

דא איז די פלאץ צו לאזן וויסן פאר אנשי שלומינו, ווער עס וויל נעמען א חלק אין די עירוב הוצאות וואס קאסט אויפצוהאלטן א געוואלדיג מיט געלט א גאנץ יאר, זאל זיך מעלדן צו מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו 845-640-1170

דער אייבערשטער זאל העלפן אין דעם זכות זאלן די חשובע בודקים האבן פון אלעם גוטן און זען נחת ביי אלע קינדער.

## היכל הקודש
# נייעס

### וויליאמסבורג

## אנטדעקט כתב יד קדשו פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע איבער די ווערטער פון הייליגן רבי'ן




יעדער וואס האט נאר איבערגעטרעטן די שוועל פון סאטמאר ווייסט אז דער עיקר וואס דער הייליגער רבי זי"ע האט געוואלט, איז איינפלאנצן די אמונה טהורה אין אידישע קינדער, אין די צייט וואס רבים ושלמים זענען נעבעך פאר'כישופ'ט געווארן פון די "כוחי ועוצם ידי" ווינטן פון די ציוניסטן און זייערע נאכשלעפער איז דער הייליגער צדיק געשטאנען אליינס בבחינת אחד היה אברהם און זיך צונאר געלייגט פאר די וועלט וועלכע האט נישט אויפגעהערט טרייבן שפאס פון דעם הייליגן צדיק וואס איז לויט זיי א "שונא ישראל" אדער גאר אן "עוכר ישראל" עפרא לפימיהו.

דער הייליגער צדיק האט אוועקגעגעבן זיין בלוט און נשמה און געשריגן און געוויינט מען זאל נישט פארקאפט ווערן פון די כפירה שטורעם ווינטן וואס בלאזן אין די גאס, און אזוי צוביסלעך האבן זיך צוזאם געקליבן נאך א איד און נאך איד וואס האבן זיך געקלאמערט צו די ריינע אמונה, ביז עס איז אויסגעוואקסן די ריזיגע קהילה און מוסדות סאטמאר וואס ציילט זיך צענדליגע טויזענטער אידן יראים ושלמים בכל קצוי תבל.

דער הויכפונקט פון הייליגן רבי זי"ע איז בלי ספק געווען דאס שרייבן דער הייליגער ספר "ויואל משה", וואס ער האט נישט געלאזט פאר קיינעם צו טון די ארבעט, דער ספר האט גענומען לאנגע וואכן און חדשים צו שרייבן, און האט עס געשריבן בדם לבבו און דערמיט מבאר געווען די אמת'ע דעת תורה, וויאזוי מיר דארפן גלייבן אין אויבערשטן און אין אלע דרייצן אני מאמינ'ס.

דער ספר איז נישט געשריבן געווארן איש מפי איש, און אפילו נישט נאכגעשריבן א דרשה בעל פה. דער ספר האט דער הייליגער צדיק אליינס געשריבן און עקזיסטירט נאך יעצט בכתב יד קדשו. איין אזא בלאט וועט ווערן אויספארקויפט אין א ליציטאציע דורך עתיקים, און וועט קענען געזען ווערן. די ווערטער פון דעם בלאט האבן א ספעציעלע חשיבות ביי חסידי ברסלב, ווייל דארט זעט מען דעם טיפן קשר עליון, און דעת קדשו פון הייליגן צדיק וויאזוי ער באציט זיך צום הייליגן רבי'ן מיט א לשון וואס ער שרייבט נישט אויף קיין איין גדול בישראל וזה לשון קדשו "ובליקוטי מהר"ן מבראסלוב האריך... מה שיהי' בעיקבא דמשיחא... על פי משל במלך שהלך בדרך... והי' בסכנה גדולה, וניצל רק על ידי איש כפרי. כמו כן יהי' בעיקבא דמשיחא, שיהי' מבול לא של מים, אלא של אפיקורסות, ויכנס בלב הכשרים שבישראל, ולא יוכלו ליתן עצה, וכל שרי המלוכה נתפזרו, ולא יתחזק מלכות שמים, אלא עם פשוטי עם שאומרים תהלים בפשיטות". און דער רבי ענדיגט די ווערטער "וזה ענין של רוח הקודש שראה מה הגיע אלינו בעיקבא דמשיחא".

אז מען רעדט שוין פון הייליגן סאטמאר רבי'ן זי"ע איז גוט צו אנמערקן אז לכבוד די יארצייט כ"ו אב, איז ארויף אויף קול ברסלב א גאר אינהאלטספולע אינטערוויו מיט איינע פון די סאטמארער חסידים פון פריערדיגן דור הרה"ח הישיש ר' יואליש גאנץ שליט"א, וואס איז לאנגע יארן געווען א בן בית ביים רבי'ן זי"ע און זוכה געווען צו משמש זיין דעם צדיק פילע יארן, ווי ער פארציילט פארשידענע גאר אינטערעסאנטע עובדות וואס ער האט אליינס מיטגעלעבט, און ברענגט ארויס זיין גרויסע התקשרות צום צדיק, און וויאזוי מיר קענען זיך אפלערנען פון אים און גיין אין זיינע הייליגע דרכים.

דער אינטערוויו ווערט געפירט דורך מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל וואס פירט עס אן בטוב טעם ודעת, און ווערט גענענטפערט דורך הרה"ח ר' יואליש שליט"א וואס לייגט אראפ די עובדות מיט א באזונדערע חן און געשמאק מיט א טעם זקנים וואס לוינט זיך אויסצוהערן.

מען קען עס הערן אויף קול ברסלב 212-444-9191

דער אינטערוויו פון הרה"ח ר' יואליש גאנץ שליט"א איז נומער 375.

# מעשיות פון תפילה



## יואליש קרויס - ביתר:

איך ארבעט אין א שיך געשעפט, קומט אריין א אינגערמאן מיט זיין יונגל אז ער דארף דוקא עפעס א געוויסע שבת'דיגע שיך אין א געוויסע מאס. אלע סארט שבת'דיגע שיך איז געווען א אויסוואל פון אלע סייזעס, און אויך פון דער סארט איז געווען אלע סייזעס - חוץ פון די סייז וואס זי האט געוואלט. אין קאמפיוטער שטייט אז עס איז יא דא, אבער איך האב שוין איבערגעדרייט אלע שעלפס און געזוכט צווישן אלע באקסעס, און איך טרעף עס נישט.

אינמיטן קומט ארויס פון סטארידש א צווייטער ארבעטער מיט די געזוכטע שיך אין זיין האנט. און אין דער זעלבע סעקונדע ענדיגט צו דער איד הויך "ועד דור ודור אמונתו".

דער איד האט געזאגט ער האט געזען אז פון אלע שיך פעלט פונקט וואס ער דארף, האט ער פארשטאנען אז דער אייבערשטער וויל נאר ער זאל בעטן דעם אייבערשטן און זאגן א קאפיטל תהלים, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און געזאגט די קאפיטל פון מזמור לתודה, און גלייך האט עס דער ארבעטער געטראפן אין א גאנצע אנדערע פלאץ אין די סטארידזש ווי עס דארף בכלל נישט צו ליגן.

שכח אייבערשטער

## שלמה טעסלער - בית שמש:

**א)** איך האב געוואלט דינגען א קאר אבער עס האט נישט געוואלט אנעמען מיין קרעדיט קארט, מיר האבן זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל עס יא נעמען, אויך האבן מיר צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה אין בלעטל. שכח אייבערשטער ס'איז אדורך.

**ב)** איך האב שוין זייער לאנג געדארפט מסדר זיין א וויזא צו קענען וואוינען אין ארץ ישראל, און יעדעס מאל האט זיך עס אפגעהאלטן וועגן א צווייטע סיבה. מיר האבן זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אדורכגיין שנעל און געשיקט.

שכח אייבערשטער איך האב באקומען מיין וויזא אין א מזל'דיגע שעה.

**ג)** איך זיך שוין א לענגערע צייט א נייע דירה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א גוטע דירה. לעצטע וואך מוצאי שבת האב איך געזען אס עס איז דא א גיטע דירה פאר א גוטע פרייז, איך האב אים אנגערופן, זאגט ער מיר אז עס איז דא איינער וואס וויל עס פאר מיה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס באקומען, אויך האב איך צוגעזאגט אז איך וועל עס מפרסם זיין אין די בלעטל.

די נעקסטע טאג רופט מיר דער בראקער אז צום סוף קען איך עס יא האבן.

**ד)** נאכן טרעפן א נייע דירה, האב איך געדארפט פארדינגען מיין אלטע דירה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל גיין שנעל און גרינג. שכח אייבערשטער נאך יענע נאכט איז מיין דירה שוין געווען פארדינגען.

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

די לעצטע שטיק צייט פיל איך מיך נישט אזוי גוט, און מיט גרויס צער האב איך שוין א לאנגע תקופה נישט זוכה געווען צו דאווענען אין היכל הקודש שול אין צפת וואס איז אביסל ווייט פון מיין דירה צוליב די חולשה.

לעצטע וואך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא קענען גיין דאווענען אין היכל הקודש צוזאמען מיט אנשי שלומינו.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט ארויפקריכן די גאנצע וועג ארויף, און איך בין אהיים געקומען בשלום, איך שפיר קלאר אז נאר בזכות די תפילות האב איך נישט גע'חלש'ט אויפן וועג, ווייל איך בין געשטאנען ממש א טריט פארדעם...

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער שַׁבָּת אִיז אֵיינְס פַאר דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן דֶעם יָאר, אַז מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הִיטְן דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר וֶועלְן מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין גָלוּת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): **"אִלְמָלֵי מְשַׁמְּרִים יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת, מִיַּד נִגְאָלִין"**, אַז מֶען וֶועט הִיטְן צְוֵויי שַׁבָּתִים וֶועט מֶען גְלַייךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת; וָואס אִיז דֶער גָלוּת? דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, מֶען מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִּירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען וֶוערְט אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין וֵוייטָאגְן, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין זָארְג, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט, מֶען וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה; אֲפִילוּ דִי שְׁלֶעכְטְס, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס נִישְׁט גוּט - וֵוייסְט מֶען אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט אוּן הֶעלְף דַיין וַוייבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת; זָאג נִישְׁט עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט, זָאג נִישְׁט דוּ טוּסְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אַלֶעס גֶעטוּן אִין שְׁטוּבּ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קיט.): דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אַלֵיינְס גֶעטוּן דִי הֲכָנוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת; **"רַב סַפְרָא מְחָרֵיךְ רֵישָׁא"**, רַב סַפְרָא הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט דֶעם קָאפּ פוּן אַ בְּהֵמָה לְכָבוֹד שַׁבָּת; **"רָבָא מָלַח שִׁיבּוּטָא"**, רָבָא הָאט אַלֵיינְס גֶעזַאלְצְן דִי פִישׁ; **"רַב הוּנָא מַדְלִיק שְׁרָגֵי"**, רַב הוּנָא הָאט אָנְגֶעגְרֵייט דִי לֶעכְט; **"רַב פָּפָּא גָּדִיל פְּתִילְתָּא"**, רַב פָּפָּא הָאט גֶעמַאכְט דִי קְנוֹיטְן; **"רַב חִסְדָּא פָּרִים סִילְקָא"**, רַב חִסְדָּא הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי גְרִינְצֵייג; **"רַבָּה וְרַב יוֹסֵף מְצַלְּחִי צִיבֵי"**, רַבָּה אוּן רַב יוֹסֵף הָאבְּן גֶעהַאקְט הָאלְץ; **"רַבִּי זֵירָא מַצַּתֵּת צַתּוּתֵי"**, רַבִּי זֵירָא הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי פַייעֶר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ; **"רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק מְכַתֵּף וְעָיֵיל מְכַתֵּף וְנָפִיק"**, רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט אַלֵיינְס אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן כֵּלִים, אַזוֹי וִוי מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן מְקַבֵּל צוּ זַיין אַ חָשׁוּבֶ'ער גַאסְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַלֵיינְס גֶעאַרְבֶּעט אָנְצוּגְרֵייטְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט, נָאר אַדְרַבָּה, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה; דַארְפְן מִיר זִיךְ זִיכֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, גֵיי אַרַיין אִין שַׁבָּת מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט. זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זוּךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן; זַיי קְלוּג, זַיי דוּ דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס וֶועט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת.

**בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן**; פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, הָאבּ אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, וַוייל מִיר אַלֶע קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## חֵלֶק ו'

**אַ מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז דִי עֶלְטֶערְן וִוילְן נִישְׁט עֶר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרוּוּעֶן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן גֶעוואוֹיר אַז דֶער אֵיידֶעם פָארְט קַיין אוּמַאן הֵייבְּן זֵיי אָן רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר טָאכְטֶער, זֵיי לֵייגְן גְרוֹיס דְרוּק זִי זָאל שְׁטֶעלְן אַ ווִידֶערְשְׁטַאנְד אוּן נִישְׁט לָאזְן דֶעם מַאן פָארְן קַיין אוּמַאן.

אַנְשְׁטָאט דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט אִיר מַאן, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵיידֶעם פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אִים - רוֹדְפְ'ט מֶען דֶעם אֵיידֶעם אוּן דִי טָאכְטֶער; וִוי מֶען קֶען שְׁטֶעכְן גֶעבְּט מֶען אַ שְׁטֶעךְ אוּן וִוי מֶען קֶען מַאכְן אַ ווִיץ מַאכְט מֶען אַ ווִיץ, אָן טְרַאכְטְן וִוי שְׁטַארְק דָאס טוּט וֵויי.

וָואס זָאל מֶען טוּן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז פַארְשֶׁעמְט? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים - לָשׁוֹן הָרָע; דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן בְּרֶסְלֶב, דָאס מַאכְט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי מוּז דָאס גֵיין, עֶס דַארְף זַיין לֵיצָנוּת אוֹיף אַ צַדִיק. אוֹיף אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִיקִים אִיז דָא לֵיצָנוּת, חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ח): **"אֵין דּוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵצָנִים"**, אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא לֵצִים; אַלֶע צַדִיקִים הָאט מֶען גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵיי.

יֶעדֶע פְרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס וִויל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָיוֹן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁפֶּעט; אַנְדֶערְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַלֶע גוּטְס.

(מכתב ג' כי תבא, שנת תש"פ)



# גרויסע בעלי גאוה: קומען זיך לערנען

משה אורי שניטצלער

א געלונגען אינגל איז ער געווען, געהאט האט ער א גוט קעפל. אלע מעלות. צו גאט און צו לייט.

אין כתה ג' איז זיין פאות געווען פונקט גוט, נישט צו דזשעלי'דיג און נישט צו וואסער'דיג, נישט צו באמ'יש און נישט צו פרומ'יש, די קורלס פון זיין פאות איז געווען נישט צו קינקי און נישט צו סלינקי.

יעדן יאר ווען מ'האט גערופן די סגן ראש הבוחנים הכלליים של החוזרי חוזר חזרה דמוסדותינו זאל פארהערן די חוזר חזרה האט מען "פערצופאל'דיג" אים געשטעלט די ערשטע ביים פארהער, אזוי אז זאכן זאלן אנהייבן פארן.... געענטפערט האט ער מיט א קלינגעדיגע געשמאקע מיטלגארטיגע שטומע, נישט צו הייזעריג און נישט צו האניג'דיג, נישט צו אונטער די נאז און נישט צו טיענעידזש'דיג, נאר אזא זיידענע איידעלע סאמעטענע שטומע מיט א נאטורליכע ווידער-קול ארייגעבויט אין זיינע פלעיווערפולע שטומבענדער, זיין קעלעכל אליינס איז שוין געווען א געשמאק פאר זיך, נאך פאר זיין שארף קעפעלע האט ער אזוי שמאלציג אראפגעלייגט דעם תוספות אז אן אפרוח שנולד ביום טוב זאל עס קענען פארשטיין.

אזוי איז ער הצלחה'דיג און שלוה'דיג און מנוחה'דיג געגאנגען פון כתה צו כתה.

אין כתה ט' האבן אלע מגידי שיעורים פון די ישיבה קטנה הכנה לחברה מצויינים דישיבה גדולה המכינה ללימוד שני דפים לשנה זיך געאייפערט און געאייסערט ווער וועט קענען ארייבאקומען דעם מוצלח'דיגן ביי זיין כתה.

שידוכים? מ'האט געמוזט רופן ווערייזן זאל ארייגלייגן א ספעציעלע ליין נאר פאר די שדכנים. סדרנים און סעקיוריטי לייט מיט רעוואלווערס זענען געווארן אראפגערופן צו האלטן ארדענונג ביי די שטופעריין און שלעגערייען וואס האט אויסגעבראכן אין פארנט פון זייער הויז צווישן די פולע עלטערן וואס האבן זיך פיזיש געריסן אראפצולייגן צען מעלוינע'ס קעסט ארייצובאקומען דעם צו-גאט און צו-לייט'ניק אלס איידעם.

חתונה? מ'האט אפגעקויפט און אויסגעליידיגט זיבן האום דיפאו'ס, פאר יעדן טאג פון די שבע ברכות. די אינהאלט פון די האום דיפאו'ס האט מען צוטיילט פאר נויטבאדערפטיגע. ווער ס'האט געוואלט האט געקענט באקומען פלייוואד'ס און טו ביי פאר'ס. יעצט טאמער וועט איינער זאגן אז ס'שטייט אין ליקוטי מוהר"ן אז עשירים זענען משוגעים, וועט מען זאגן, העי! ער געט צדקה! קענסט אויפפיקן פלייוואד'ס! ער האט א גוט הארץ! ער טיילט טו ביי פאר'ס און מייזל-כאפערס!

כולל? מ'האט אפגעקויפט און אויסגעליידיגט די נאנטסטע וואלגרין פארמאסי. די אינהאלט פון די פארמאסי האט מען געגעבן פאר

מענטשן וואס דארפן "פיעס ענד לאוו". יעצט וועט שוין זיין "פיעס ענד לאוו, וויט פעינקילער אן די סייד".

ס'איז געווען א רעדע פון אפקויפן און אויסליידיגן די נאנטסטע וואלמארט אדער טארגעט אדער קאסטקא, אבער דער צו-גאט און צו-לייט'אישער טאטע האט געשריגן חי וקיים אז ער איז נישט אזוי ווי די צודרייטע מענטשן וואס ספענדן אין די וועלט אריין! ער ווייסט וואו איין וואו אויס! משוגע טאר מען נישט זיין! וואלגרין איז פונקט גענוג!

מ'האט שיין איבערגעמאכט די וואלגרין מבית ומבחוץ, באצירט און באפוצט, מ'האט געמאכט אונזער טשאטשקע פאר וואלגרינער רב און ראש הכולל.

דאס פשטנות און סימפליסיטי' פון דעם וואלגרינער רב און ראש הכולל איז שוין א דבר הידוע לכל, ער מאכט פון זיך קיין וועזן נישט...... ער גייט אפילו נישט מיט א רבני'שער הוט! ממש סימפל! עז סימפל עז קען בי! ווען דו וואלסט אריינגעקומען צו א חתונה וואו דער וואלגרינער רב איז מסדר קידושין וואלסטו אים נאך אלס נישט דערקענט! א פשוט'ע היט, פשוט'ע גלעזער, אזוי מיטלגארטיג ווי אלס קינד! נישט צו רבני'ש, נישט צו מיליאנער'יש, בקיצור, די ריעל דעפינישן פון "ענוות חן"! די פערפעקט עקזעמפל פון "איזהו כיינ'דל? ה'כריינדל מכל ביינדל"!

מ'שמועסט אז גאר גרויסע בעלי גאוה קומען זיך לערנען ענוות-חן ביים וואלגרינער רב זאל געזונט זיין. שטאלצע פארעכעס לערנען זיך "קליינ-האלטעריי" אין א מעדדער אוו סעקאנדס!

איינע פון די מערקווירדיגע זאכן וואס צייגן אן מיט א קלארקייט אויף די וואלגרינער ענוות חן איז דער פאקט אז דער רב דאווענט ניטאמאל ביים מזרח! שטעלט אייך פאר א השגה אין ענוות-חן!

עטליכע לאקאלע בעלי גאווה האבן אנגעהויבן נאכצומאכן די וואלגרינער זאך פון נישט דאווענען ביים מזרח און זיי זענען אויפן פלאץ געווארן פשטנים! פון א בעל גאוה צו א עניו אין דריי סקונדעס! בלויז מיט איין רוק מיט דעם שטענדער!




די שטענדער פון וואלגרינער רב וואס איז געשטאנען אזוי ענוות-חן'עוודיג און שעמעוודיג-פשטנות'דיג אויף די זעקסטע טיש איז געווען אזא מיטלגארטיגע שטענדער, נישט צו הויך, נישט צו נידעריג, נישט צו שמאל, נישט צו ברייט, די באלאנס פון די אייזן און די האלץ איז געווען פערפעקט! ס'האט אויסגעזען אזוי ווי דער כינעזער אין שטאט "פאנג אן פון אנפאנג" וואס עסט דריי מאל רייז און מאכט דריי שטענדערס יעדן טאג האט געוואוסט אז ער ארבעט פאר א פשטן! פאר א עניו! אפילו די סוי סאוס און ספייסי מעיאו האט געהאט א פשטנות'דיגע טעיסט געמישט מיט די עכטע ארגינעלער "ענוות-חן טעם" פון דערהיים אין וואלגרין, נעבן דעם טייך "דונא".

אין די שול איז געווען דריי אמיגא'ס, איינער פאר די מקוה, איינער פאר די שול, און איינער וואס האלט נישט ביי גארנישט.

דער אמיגאו וואס קלינט די שול האט אנגעהויבן מאכן קונצן. מ'האט אים געזאגט אז ער קען גיין שעפן פרישע לופט אויף די אנדערע זייט פון די טראמפ וואנט. גענוג געווען! מ'האט געברענגט אן אנדערן אמיגאו, א קלאץ מיט זיבן אויגן, יעדע זאך פארקערט! מ'זאגט אים פול אן די טשייניק, גיסט ער אויס די מילך. מ'הייסט אים קויפן ספלענדע, גיסט ער האניג אין די שמן-זית-לעכט. מ'זאגט אים וואש די פלאר, פעינט ער די דאך. מ'זאגט אים ליידיג אויס די מקוה, ווארפט ער אריין אין בור הטבילה אלע האנטעכער. א



דזשיניעס אין נישט פארשטיין וואס מ׳רעדט, אלעס פארקערט.

דער משמש קומט אריין אין שול, ער זעט די זיבעטע טיש, איין טיש נאך דעם וואלגרינער רב׳ס טיש איז אנגעלייגט מיט שמוץ, דארט איז געזיצן א שנה ראשונה אינגערמאן פון עלעווע ביז פינעווע און צוזאמען מיט זיין חברותא געברעקלט קאפי קאפס איינס נאכן צווייטן, לקיים מה שנאמר הבטלה מביאה לידי שעמום, דער משמש וויזט אים מיטן פינגער אויף די זיבעטע טיש, ער זאל אוועק פיצן די רעזולטאטן פון די שיעור-עיון׳דיגע התמדה פון די צווי זיידענע שנה ראשונה אינגעלייט, דער אמיגא פארשטייט קלאר אז ער זאל נעמען דעם רב׳ס בא׳חנ׳דלטע שטענדער און אריינוואַרפן אין מיסט קאסטן.

מארגן ביי שחרית, עלעווע שארפ, מיט א תורה וגדולה׳דיגע פונקטליכקייט, דער רב שפאנט מיט פשטנות׳דיגע טריט צו זיין פשטנות׳דיגן מקום קבוע, והשטענדער איננו, ס׳איז אים געווארן פינסטער אויף די געהירן. ס׳איז אים געווארן שווארץ אויפ׳ן הינער אויג. דאווענען אן די ענוות-חן׳עווודיגע שטענדער?! מ׳גייט אפשטופן דעם שחרית אויף צוועלעווע פונקטליך. ביזדערווייל האפט מען צו דערגיין מה נעשה עם השטענדער דינן.

אויפ׳ן וועג ארויס, געט דער רב א זייטנדיגע בליק אויפן בלעמער, ליגט דארט די אינטערעסאנטע גליון פון די ברסלב׳ע חברה, איין וואך א פיקטשער פון א הונטעלע, איין וואך א רעוואלווער, וואס איז מיט די חברה?! וואס איז שלעכט צו לייגן נארמאלע תורה וגדולה׳דיגע איידעלע בילדער?! וואס דארף מען אז קינדער זאלן וויסן אז ס׳איז דא רעוואלווערס און הונטעלעך אויף די וועלט?! אזוי אינמיטן זיך בייזערן וועגן די בילד מיט׳ן רעוואלווער, זעט דער רב עטליכע קליינע ווערטער אין דעם גליון מיט׳ן רעוואלווער, "איך בעט דיך מיין טייערע ברודער, דער אייבערשטער ווארט אויף דיין שחרית מנחה מעריב, שטופ עס נישט אפ, דאווען די ערשטע זאך, קוק נישט אויף גארנישט! לייג אלעס אין די זייט און דאווען, דאס וועט דיך ברענגען נאנט צום אייבערשטן! דיין שחרית איז אזוי חשוב! אזוי טייער! לאז דיך נישט פון די יצר הרע וואס מאכט דיך אפשטופן די דאווענען!"

פשי הא!! זיי זאגן גוט די ברסלב׳ע חברה! כ׳האב שוין לאנג געהערט אז זיי זאגן גוט! נו אויב אזוי פארוואס קריגט מען אויף דעם?!

"דאווען די ערשטע זאך, קוק נישט אויף גארנישט! לייג אלעס אין די זייט און דאווען, דאס וועט דיך ברענגען נאנט צום אייבערשטן!", סע׳ברענט, סע׳מאנט, סע׳פלאקערט.......

דער ב׳חנ׳טער וואלגרינער רב האט "קיינמאל" נישט געהערט די ווערטער "דיין שחרית איז אזוי חשוב! אזוי טייער! לאז דיך נישט פון די יצר הרע וואס מאכט דיך אפשטופן די דאווענען!"

דער רב ווערט אביסל פארדרייטלט פאר בושה און שטעלט זיך ביי די זעקסטע טיש אן די שטענדער און דאווענט פאר׳ן אייבערשטן, ס׳גלוסט זיך א שטענדער, אבער היינט געב איך זיך איבער צום אייבערשטן.

דער וואלגרינער רב האט שנעל געכאפט וואס די ברסלב׳ע חברה האבן היינט געטון מיט אים, דער וואלגרינער רב כאפט שנעל א זאך, דער וואלגרינער רב האט שוין אנגעהויבן מער צו קוקן די ברסלב׳ע גליון וואס דער "באמישער" אינגערמאן מיט די שפיציגע שיך האט געברענגט יעדע וואך. קודם האט ער עס געקוקט מיט א זייטיגע אויג, אזוי תם׳עוואטעדיג. נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו קוקן יעדע וואך אפיציעל, אנגעהויבן זאגן עטליכע פרקים משניות יעדן טאג, און אנגעהויבן צו פילן די גן-עדן טעם: דער אייבערשטער איז דא! איך קען אים בעטן וואס איך וויל! איך קען רעדן צו אים וואס איך וויל!

מפיצים, מפיצים! מ׳קען נישט וויסן ווער ס׳זעט דעם גליון און געבט זיך א קליינע שאקל אין זיין לעבן! לאמיר העלפן נאך א איד זאל הערן די שיינע ווערטער וואס אונז הערן יעדן טאג.

מפיצים, מפיצים! מ׳קען נישט וויסן ווער ס׳שטופט אפ די היינטיגע שחרית אויף צוועלעווע, צווייע, אדער חס ושלום נאך שפעטער, דער ראש ישיבה זאגט דאך אלץ אין די דרשות אזוי: שטופ נישט אפ דיין שחרית אויף שפעטער ווייל באלד ווערט שוין נאכט!! לאמיר זיך מוסר נפש זיין צו דערמאנען נאך א איד אז דיין שחרית איז די חשוב׳סטע זאך אין הימל, דיין שחרית איז די וויכטיגסטע זאך פאר דיין הצלחה.

באשעפער העלף איך זאל עוסק זיין אין הפצה יעדן טאג פון לעבן.

מאשר שמנ"ה לחמו

ויזכו לראות בנים ובני בנים  צדיקים יראים חיים

וקיימים עוסקים בתורה ובמצות

א הערצליכן מזל טוב

צו אונזער געטרייע גבאי און מגיד שיעור

הרה"ח ר' מנשה איצקאוויטש שליט"א

לכבוד דאס געבורט פון א בן זכר למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן

ער זאל זען פיל נחת פון דעם קינד

און אלע אנדערע קינדער געזונטערהייט

און שטענדיג זיין מקושר צום הייליגן רבי'ן

און ווי דער רבי האט געזאגט

פון וועם ער נעמט געבט ער

פון קהילת היכל הקודש בארא פארק



# א מעשה
## פון א צדיק

## דֶער מַשְׂכִּיל וֶוערְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ מַשְׂכִּיל רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואס מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'דֶער דֵייטְשְׁל'. אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז דִי פָּאסְט אָפִּיס הָאט אוֹיךְ גֶעטוּן דִי קַאר סֶערְוִויס - צוּשְׁטֶעלְן וֶועגְן פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס וִילְן פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן.

ר' יִצְחָק דִי זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי דִי פָּאסְט אָפִּיס, אוּן דֶער מַשְׂכִּיל הָאט אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט בַּיי ר' יִצְחָק אִין אָפִּיס בֶּעטְן עֶר זָאל אִים צוּשְׁטֶעלְן אַ וֶועג קַיין בֶּערְלִין.

פוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעזִיצְן דָארְט בַּיי ר' יִצְחָק אִין אָפִּיס, כְּדֵי צוּ בַּאזוּכְן זַיין זוּן ר' יִצְחָק.

דֶער מַשְׂכִּיל הָאט גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן זִיצְן דָארְט, הָאט עֶר גֶעגֶעבְן אַ פְרֶעג ר' יִצְחָק: "וֶוער אִיז דֶער אַלְטֶער?" הָאט אִים ר' יִצְחָק גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז מַיין טַאטֶע". הָאט אִים דֶער מַשְׂכִּיל גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ דַיין טַאטֶע?" הָאט ר' יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע אוֹיבּ עֶר וִויל רֶעדְן צוּ דֶעם מַשְׂכִּיל, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל עֶר קוּמֶען".

רֶבִּי נָתָן אִיז אַרַיין אִין אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט דֶעם מַשְׂכִּיל, רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט וַוארִימֶע לֶעכְטִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס הָאט אָנְגֶעוַוארֶעמְט דִי הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְן שְׁמוּעֶס מִיט רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר ר' יִצְחָק עֶר זָאל מְבַטֵּל זַיין דִי נְסִיעָה קַיין בֶּערְלִין, וַוייל עֶר וִויל פָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן אַהֵיים צוּ זַיין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, דָארְט וואוּ רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוואוֹינְט.



אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן אַהֵיים קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער מַשְׂכִּיל הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט פוּן אַ מַשְׂכִּיל צוּ אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר אוּן אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק, אַזוֹי וַוייט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף אִים אַז עֶר וֶועט זִיךְ בַּארוּמֶען מִיט אִים אוֹיבְן אִין הִימְל פַארְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

(ספר אילן החיים אות צח)



# דעם הייליגן רבינ׳ס
# לעבנסגעשיכטע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - מ"ז -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען מִיט עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער אַ פְּשַׁט אִין אַ גְמָרָא, אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז ר' יוּדְל וֶועט פַּסְקְ'עֶנֶען וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער פְּשַׁט, אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער פְּשַׁט אִיז וִוי דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט, אוּן נִישְׁט וִוי דֶער רֶבִּי.

הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט, "אוֹיבּ וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז אִיךְ בִּין יָא גֶערֶעכְט, וֶועט מֶען דִיר קֶענֶען גֶעבְּן שְׁמִיץ [קְלֶעפּ]?", הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז עֶר אִיז יָא גֶעוֶוען גֶערֶעכְט מִיט זַיין פְּשַׁט. וֶוען ר' יוּדְל הָאט גֶעכַאפְּט דִי קְלֶעפּ, הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶס קוּמְט אִים דִי קְלֶעפּ. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין טָאכְטֶער אַז זִי אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה.

* * *

"סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ מִיל אִין דַאנְצִיג, וָואס הָאט גֶעמָאלְן אוֹיף פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שְׁטֵיינֶער, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גוּטֶער גֵייסְט וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט מָאלְן. הָאט אַ כִּישּׁוּף מַאכֶער גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מְ'זָאל אִים אִיבֶּערְלָאזְן אֵיינְס פוּן דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שְׁטֵיינֶער, דָארְט זָאל מֶען מָאלְן זַאמְד, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע שְׁטֵיינֶער". דֶער רֶבִּי הָאט אִים מִיט דֶעם מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז אֵיינֶע פוּן דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג רָאשֵׁי אֵיבָרִים פוּנֶעם טָאכְטֶער וֶועט שְׁטַארְבְּן, אָבֶּער זִי וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען אוֹיף מִיר בַּיים בַּאקוּמֶען דִי קְלֶעפּ, וָואלְט זִי אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אָבֶּער יָא גֶעהַאט תַּרְעוֹמֶת אוֹיף מִיר, דֶערִיבֶּער וֶועט זַיין אַזוֹי, אַז נָאר אֵיין אֵבֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן אוּן זִי וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אִיר קְלֵיין פִינְגֶער פוּן הַאנְט אִיז אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן, אָבֶּער זִי אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

דָאס אִיז אָבֶּער נָאר גֶעוֶוען אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ מְנִיעוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּ זַיין צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גָאר שְׁטַארְק גֶעשְׁטִיגְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָפֶּענֶער בַּעַל מוֹפֵת, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען גָאר ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מַרְאוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת.

דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "מְסִלַּת יְשָׁרִים".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מוֹפֵת אוּן אַ מַמְתִּיק דִינִים.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי צַדִיקִים מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וַוייל מְ'דַארְף דָאךְ קֶענֶען אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן וֶוען מְ'בְּרֶענְגְט זֵיי אַ פִּדְיוֹן, דַארְפְן זֵיי וִויסְן אִין וֶועלְכְן בֵּית דִין מְ'אִיז יֶענֶעם דַן. סְ'קֶען דָאךְ זַיין אַז מְ'מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן מְ'אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים בַּיי אֵיין בֵּית דִין, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז מֶען יֶענֶעם גָאר דַן אִין אַן אַנְדֶערְן בֵּית דִין. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען וִויסְן קוֹדֶם אִין וֶועלְכְן בֵּית דִין מְ'אִיז יֶענֶעם דַן, אוּן דֶערְנָאךְ מַאכְן דֶעם פִּדְיוֹן אוּן הַמְתָּקָה דָארְט בַּיי יֶענֶעם בֵּית דִין".

"אָבֶּער אִיךְ" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "אִיךְ קֶען אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן אִיךְ קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַן אַפִּיעֶל פוּן אֵיין בֵּית דִין צוּם צְוֵוייטְן בִּיז צוּ אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג. דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ קֶען זָאגְן אַז סְ'גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט דֶער פְּסַק פוּן דֶעם בֵּית דִין אוּן אִיךְ וִויל מְ'זָאל עֶס מִשְׁפָּט'ן אִין אַ צְוֵוייטְן בֵּית דִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער צוּ אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים. אוּן אַזוֹי וֶוערְט כָאטְשׁ דֶערְוַוייל אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶער מִשְׁפָּט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן טוּט דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דָאס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס בַּיים מִשְׁפָּט.



"אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, קֶען אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ הֶעכֶערֶער אַפִּיעֶל, דָאס מֵיינְט צוּ שִׁיקְן דֶעם מִשְׁפָּט צוּם קֵייזֶער אַלֵיין, אוּן דָאס אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס מְ'דַארְף טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, אוּן פוּן דֶעם וֵוייסְט נִישְׁט קֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר, אוּן בִּכְלַל הָאט נָאךְ קֵיינֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, וַוייל מְ'דַארְף קֶענֶען אַרֵיינְלֵייגְן דִי גַאנְצֶע בַּקָשָׁה אִין גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן כָּבוֹד פַאר'ן קֵייזֶער וִוי עֶס פַּאסְט, וַוייל מְ'קֶען נִישְׁט שִׁיקְן קַיין לַאנְגֶע זַאכְן צוּם קֵייסֶער".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# א שטריק

ישראל דוד העסקעל

**ס'איז** דינסטאג פארנאכט, די הימל קאלירן זענען אראנדש רויטלעך, שוין געדאווענט מנחה ברוך השם, און ער לויפט... ער לויפט...

יענקעלע איז געווען א עכט פארצייטישער דארפס איד אזוי ווי פון די אלטע מעשה ביכלעך. ער האט פארמאגט אן אלטן ברוינעם אויסגעריבענעם דאשיק, א וועסטל מיט עטליכע לאטעס, און פארשטייט זיך גרויסע שווערע שטיוול.

קיין 'געהעריגע געסעטלטע' דזשאב האט יענקעלע קיינמאל פארמאגט, אלס קינד האט ער פארשטייט זיך געהאלפן די שוסטער פון שטאט אבער מיט צוויי לינקע הענט איז די ווארט געהאלפן געווען אביסל איבערגעטריבן... שפעטער האט ער געפאשעט שעפעלעך פאר א בעל הבית'ישער איד וואס האט פארמאגט א סטאדע, אבער אויך דארט האט ער נישט מצליח געווען און מ'האט אים משלח געווען.

אזוי איז ער אריבער זיינע יארן. פון א פאסטוך געווארן א וואסער טרעגער און



נאכדעם פארקויפט פרישע מילך, בעל עגלה האט ער אויך פרובירט, אזוי איז דורך זיינע קינדער יארן. שפעטער האט ער חתונה געהאט און זיך אוועק געשטעלט א קליין משפחה'לע אבער די מזל האט אים ווייטער נישט געשיינט, די גאנצע שטאט האט אים געקענט אלס 'יענקעלע דער שלימזל'!

און וואס פלעגן אלע פארצייטישע שלימזלנים טון? זיי זענען געווארן פעדלער. ער האט זיך מסדר געווען מיט א קליין רענצעלע, ער האט עס אנגעפילט מיט שמאנצעס וואס ער האט נאר געקענט צוזאמען קראצן און האט זיך ארויסגעלאזט אויף די שטעגעלעך און וועגעלעך פון די דערנעבנדע דערפלעך.

איין טאג קומט ער אן צו עפעס א קליין שטעטעלע, ער הייבט אן גיין פון טיר צו טיר פארקויפן זיינע חפצים אבער ביי יעדע טיר ענטפערט מען אים:



- מיין טאטע איז נישט אינדערהיים!

ער פרובירט נאך א הייזקע און נאך איינס אבער קיינער איז עפעס נישט אינדערהיים!

פארוואונדערטערהייט טרעפט ער איינעם גיין אין גאס און פרעגט יענעם: "אפשר ווייסט איר וואו דער עולם איז? קיינער עפענט נישט די טיר קיינער איז נישט אינדערהיים אזא מין מאדנע זאך?! וואו איז יעדער???"

"אהההה" ענטפערט אים יענער, "איר ווייסט נישט? קומט מיט מיר איך וועל אייך ווייזן".

דארט ארויף דעם בארג וואוינט בערל דער גביר און היינט האט ער גערופן דעם גאנצן שטאט צייגן די נייע זאך וואס ער האט איינגעקויפט, דער עולם שמועסט אז ער האט געקויפט א ספעציעלע שטריק וואס הענגט פון דאך און ווען מ'געבט עס א צי ווערט די גאנצע שטוב לעכטיג!

יענקעלע הייבט אן לאכן "דו טרייבסט ליצנות פון מיר... איך ווייס אז בין נישט דער וועלטס חכם אבער אזא טיפש בין איך נישט! רעד מיך נישט איין קיין שטותים! זיי מוחל, א שטריק וואס מ'שלעפט און ס'ווערט לעכטיג?! הא הא הא דמיונות חלומות. זיי אזוי גוט, באבע מעשיות זאלסטו א צווייטן איינרעדן".

ניין ח"ו איך מיין עס ערנסט, באמת, קום מיט מיר און איבערצייג דיך אליין די גאנצע שטאט איז שוין דארט ביי זיין פאלאץ קום מיט מיר לאמיר עס גיין זעהן.

זיי שלעפן זיך צוזאמען ארויף דעם גרויסן בארג אויף די זייט איז דא די הערליכע גערטנער פון דעם עושר מיט זיין סטאדע שאף און רונדער ווי ס'פאסט פאר א גביר, יענקעלע טראכט אויב טרייבט יענער סתם ליצנות פון מיר וועל איך לכל הפחות פרובירן צו פארקויפן מיינע שמאנצעס פארן עושר אפשר וועל איך קענען מאכן דא אפאר גרייצער...

זיי קומען שוין אן פארנט פונעם ריזיגן טיר די באדינער עפענען אויף און יענקעלע גלייבט נישט וואס ער זעט, די גאנצע שטאט איז טאקע דא!

יעדער מורמולט זיך און קופקעט שטילערהייט - האלטסט אז ס'איז אמת? מיינסט דער האט טאקע אזא שטריק וואס מ'שלעפט און ס'ווערט לעכטיג די שטוב? וואו אזוי ארבעט עס? וואו קען בכלל זיין אזא זאך?

איך ווייס נישט לאמיר צו ווארטן וועלן מיר זען אינאיינעם אויב ס'איז טאקע אמת...

נאך פינף מינוט קומט בערל דער גביר אריין מיט זיין זילבערנע שטעקן און ראש הקהל היטל מיט א שיינעם אויסגעביגלטע פראק און זאגט: "מורי ורבותי! אט וועט איר זעהן דעם נייעם טעכנאלאגיע וואס איך האב דא געבראכט, דאס איז עפעס וואס נאר גרויסע שרים און פריצים האבן, איר זאלט וויסן ווי חשוב איר זענט אז אייער גביר ר' בערל האט אייך גערופן אהער אז איר זאלט זיין פון די ערשטע וואס קענען זעהן דעם נייעם קונסט"!

ער גייט ארויף אויפן ספעציעלן סטעדיש, ער ווייזט פאר יעדן דעם שטריק קוקט ס'הענגט דא פון דאך ער געבט א שלעפ דעם שטריק און מיט אמאל ווערט די גאנצע צימער באלאכטן!

יעדער שטייט מיט אפענע מיילער





פאראגאפט פון דעם אויסטערלישן מעמד וואס זיי האבן מיטגעהאלטן, אבער יענקעלע קען ממש נישט צו זיך קומען, אזא מין זאך ער האט עס אליינס געזען ס'איז גארנישט דא בלויז א שטריק מ'געבט א שלעפ און ס'ווערט לעכטיג!

ער הייבט שוין אן דמיונ'ען שטעל דיך נאר פאר אז איך קען פארמאגן אזא שטריק ביי מיר אינדערהיים אין מיין דארף וואלט איך נישט געווען אזא בטלן ווי דער עושר, איך וואלט גענומען כאטש א גילדן פון ווער ס'וויל מיטהאלטן אזא זאך...

אזוי חלומענדיג געבט זיך יענקעלע א שאר צו צום עושר און מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ פרעגט ער - אפשר האט איר אביסל איבריגע פון דער שטריק?

פון די שטריק?! איך האב בריווח גדול וויפיל דו ווילסט!

אמת'דיג?! איך קען האבן א שטיקל?

יא פארוואס נישט!

דער עושר געבט פאר יענקעלע א מכובדיגע שטיקל שטריק און יענקעלע שפירט וואו ער האט געוואונען די לאטערי!

מיט איין אטעם לויפט ער ארויס פון דארט און הייבט גראד אן לויפן צוריק אהיים צו זיין שטאט!

יענקעלע דער שלימזל?! הע? יא יא העמיר שוין זעהן... אזוי טראכט ער צו זיך אהיים לויפנדיג, באלד איז שוין נישט דא מער יענקעלע די שלימזל באלד וועט מיר יעדער קענען אלס יענקעלע שיינער איד!

נאך עטליכע שעות לויפן טיף אין די טונקעלע נאכט שעות, קומט ער ענדליך אן אהיים ער לייגט אוועק די שטריק אין א גוטע פלאץ און לייגט זיך שנעל שלאפן ער דארף זיך גוט אויסרוען מארגן קומט א גרויסע טאג!

צופרי לויפט ער אין שול אריין און איז מודיע אז ער האט באקומען מיט גרויס פראטעקציע א ספעציעלע שטריק וואס דערווייל האבן עס נאר קעניגן און פריצים און ווען מ'שלעפט די שטריק ווערט די גאנצע צימער אויפגעלאכטן!

ס'גייט פארקומען די ערשטע פארשטעלונג וואו מ'שלעפט די שטריק ביי מיר אינדערהיים צוויי אזייגער מיטאג און ווער ס'וויל קומען מיטהאלטן דארף צאלן א גילדן!

א גרויסע עולם האט זיך ווארעם אנגערופן, ווער וויל דען נישט מיטהאלטן אזא היסטארישע מעמד? יענקעלע לויפט אהיים, ער בינד צו דעם שטריק צום דאך און קען שוין קוים אויסווארטן אויף צוויי אזייגער צו מאכן דעם פארשטעלונג!

די זייגער קלאפט צוויי מ'קען זיך נישט





רירן ביי יענקעלע אינדערהיים א האלבע שטאט איז געקומען מיטהאלטן דעם גאר אינטערעסאנטע נייע זאך!

ער גייט ארויף אויף א בענקל און רופט אויס מורי ורבותי! דא האב איך די נייעסטע טעכנאלאגיע וואס איז נארוואס ערשינען! דאס איז עפעס וואס נאר קעניגן און פריצים פארמאגן, אבער איך זענט דאך אלע אזוי טייער אין מיינע אויגן האב איך יענקעלע עס געברענגט ספעציעל פאר אונזערע שטאט אז מיר זאלן קענען פון דעם הנאה האבן...

ער לעשט אויס אלע לעכט די שטוב ווערט חושך אפילה ער ציילט איינס צוויי דריי ער געבט א געזונטע שלעפט און -

שווארץ! חושך טונקל גארנישט פאסירט נישט!

יעדער קראכט אויס לאכן און זיי גייען אהיים און יענקעלע דער שלימזל איז ווייטער געבליבן יענקעלע די שלימזל!

–

דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג דאס וואס שטייט אין זוהר הקדוש אז א טיפש קוקט אויף די לבוש פון א מענטש, און מיט דעם מעסט ער אפ דעם מענטש וואס ער איז פון אינעווייניג. מ'קען גיין אנגעטון ווי מר בר רב אשי און זיין א פוסטע שטריק, ליידיג פון תורה ויראת שמים, די מח איז ליידער ביי עבירות רחמנא ליצלן. פון די אנדערע זייט קען מען זיין אנגעטון ווי א פשוטער מענטש אבער די מח טראכט נאר פונעם אייבערשטן, די מויל רעדט צום אייבערשטן ווען מען קען נאר.

אויב פון אויבן זענען די שטריק נישט קאנעקטעד איז עס א טויטע שטריק, נישט קיין חילוק ווי גוט די שטריק זעט אויס. פון אינדרויסן קוקן ביידע אויס פונקט די זעלבע, אבער איינע לייכט און שיינט און איינע איז א שטאק טונקעלע פוסטע שטריק!

דאס איז די לימוד וואס מ'לערנט אונז דא און אין היכל הקודש! ס'איז גאנץ ווייניג משנה די צורה חצונה, די שיינע שטריימל מיט די רעזשוואלקע, די עיקר איז די תוכן פונעם מענטש, וואס רעדט ער, וואס טוט ער, ווי אזוי פירט ער זיך אויף צווישן מענטשן.

דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט נאך א דף שיעור אז ער האט גארנישט פון האבן א גאנצע קהילה אויב לערנט מען נישט יעדן טאג אביסל חומש, משניות און גמרא, היכל הקודש איז נישט קיין פלאץ וואו מ'פארקט אריין און איך בין דא.

אויב לערנט מען שיעורים כסדרן, מ'דאווענט שחרית מנחה מעריב, און מ'פירט זיך ערליך אין שטוב מיט גוטע מידות קענסטו באלאנגן אין היכל הקודש, און אז נישט איז עס גארנישט ווערד, אפילו מ'קוקט אויס פון אינדרויסן אז מען באלאנגט אויף דעם פלאץ.
ר' איד קענסט נאך יעצט ווערן צוריק קאנעקטעד, זאג א ווארט צום אייבערשטן, עפען יעצט א חומש און לערן אפאר פסוקים, לערן א פרק משניות, זאג א דף גמרא!



# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM







א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש
עצתו אמונה.
איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony.
Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681

# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM







## דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

גרעסערע דירה – 845-637-5367



שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566


ב"ה
בס"ד
וועד
כתיבת ספר תורה
לע"נ מרן מוהרא"ש זי"ע
חסידי ברסלב תלמידי היכל הקודש
ע"י קהל אנשי שלומנו
ועתה כתבו לכם את השירה הזאת
נאך איין פרשה פארבליבן
מ'קען באצאלן מיט פעימענטס
זכות כתר תורה
$6,000
די לעצטע פארבליבענע זכותים
נאך 3 עמודים געבליבן
האנדלט אייך היינט אין א אייביגע זכות:
פארבינדט אייך מיט מוה"ר שבתי מארקוס הי"ו
347.735.9688
פרשה
$1200
עמוד
$500

# ט'ס נחומ'ן תנחומין

פון טיפן הארצען ווילן מיר שיקן אונזער טרייסט פאר אונזער חבר און
מיטארבעטער וואס געבט זיך אוועק מיט געטרייַשאפט פאר קהל היכל הקודש
בכלל און פאר יהודי אנ"ש בפרט, אייביג גרייט צו צוהעלפען מיט אלעם

האברך החשוב

## מו"ה אברהם מרדכי פיש הי"ו

און פאר זיין טאטע

**מו"ה פנחס זעליג שלום הי"ו**

**און פאר די חשובע מאמע תחי'**

און פאר די חשובע ברודער העוסקים בצרכי ציבור

**מו"ה יעקב שאול הי"ו | מו"ה אהרן ישראל הי"ו | הב' שמעון הי"ו**

אויף די פריצייטיגע פטורה פון זייער
אומפארגעסליכע ברודער און זון רודף צדקה וחסד

**מו"ה יואל משה יצחק ע"ה**

בן יבלחט"א ר' פנחס זעליג שלום הי"ו

דער אייבערשטער זאל ענק טרייסטן איר זאלט מער קיינמאל
נישט וויסן פון קיין צער. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאל
שוין בקרוב זוכה צו זעהן בנחמת ציון וירושלים, ווי עס וואנטשט,

שבתי מארקוס    אשר בער אינדארסקי
בשם הנהלת המוסדות

# צומישטע החלטות

מ. וואסערמאן

**ניין!**

בשום אופן!!

דו גייסט נישט !!!

וואס וועלן מענטשן זאגן?

איך האלט עס נישט אויס.

עס איז אזוי שווער צו בלייבן אליין...

ביים נסיון מען שטייט, קאמפסגרייט, מיט תפילה באגלייט.

געפילן רוישן, מיט טרערן א OCEAN, אבער מיין בליק טוט זיך טוישן.

שיעורים הערן, דעם בינ'ס שכל פארמערן, דוואיגער ווערן.

ביים ציון פועל'ן אונז אויס א גוטע יאר.

ברענג צוריק פעק פון ישועות.

איך קוק נישט אויף קיינעם.

דו קענסט פארן !!!

צאתכם לשלום!!

**יא!**



# מעשיות פון תפילה

ר. כ"ץ
בית שמש

רעדאקציע

טייערע חשובע פרויען!

ווי איר זעט האט מען שוין געמאכט גרייט דעם עמוד פון מעשיות פון תפילה, וואס פון דעם וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווערן צושפרייט דעם אייבערשטנ'ס נאמען איבער די גאנצע וועלט, אלע וועלן זען אז אויב מען דארף עפעס איז דא איין אדרעסס וואו זיך צו ווענדן.


שיקט אריין אייער פערזענליכע מעשה צו 845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevoffice;liberty@gmail.com


ז. שטערן
ירושלים

בעט דעם באשעפער
וועט ער דיר העלפן



קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

כי תבוא

## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**מיין גאנצע זאך איז**

א. ראש חודש
ב. ראש השנה
ג. ראש ישיבה
ד. ראש המדריכים

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ר' נתן האט אמאל געזאגט: די ערגסטע זאך איז צו מגולגל ווערן, איין וועג בין איך גרייט נאכאמאל צו מגולגל ווערן

**אויב איך וועל נאכאמאל קענען זיין ביים רבינ'ס ראש השנה**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אליעזר הכהן קאהן נ"י - דזשערזי סיטי**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף

די ווערטער

דעריבער בעט איך דיר זייער מיין ליבער ברודער, גיי אין א שטילע פלאץ און בעט דעם אייבערשטן; רעד צו אים, שמועס אויס דיינע ספיקות - וועסטו באקומען א קלארקייט אין יעדע זאך, דו וועסט וויסן ווי זיך צו פירן, און עצות אויף יעדע פרט.

(עצת אמונה פרשת ראה תשפ"ג)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ס | ב | א | ק | ו | מ | ע | נ | ו | ח | צ | ל | ה | ד |
| נ | ב | ש | ע | כ | נ | מ | מ | נ | פ | ה | ד | ו | ל | ק |
| נ | ב | ל | א | ט | ט | י | ו | מ | צ | ע | נ | נ | ו | ל |
| ש | ז | ח | ת | ו | א | י | א | י | ר | ב | ד | י | ט | א |
| ח | א | ו | ש | ל | ו | נ | ב | ח | צ | ר | ע | ס | ז | ר |
| מ | צ | נ | מ | א | נ | ע | כ | ג | מ | ו | ר | כ | ד | ק |
| ע | נ | ס | ו | ד | ל | ע | ס | א | ש | ד | י | ר | ה | י |
| ד | ו | ב | ע | ע | ד | ג | ר | ט | ב | ע | ב | ל | ה | י |
| א | ס | ד | ס | ע | פ | ק | ת | ר | ו | ר | ע | ה | ת | ט |
| י | ע | ד | י | נ | מ | ע | א | ו | נ | נ | ר | נ | ה | ת |
| י | צ | ש | כ | כ | נ | ז | ה | ל | ר | צ | ו | ר | ל | מ |
| ב | צ | ש | ל | י | נ | י | ס | י | ז | א | צ | ד | ל | ס |
| ע | י | מ | י | ס | ש | כ | פ | ל | א | צ | צ | א | י | נ |
| ר | ש | ד | א | ל | ת | כ | י | א | כ | נ | ח | ו | ב | ר |
| ש | ש | ט | י | ל | ע | ת | ק | כ | ר | ת | א | פ | ע | נ |
| ט | ב | מ | י | מ | ג | ג | ו | ו | ע | ס | ט | ו | ר | נ |
| נ | צ | ע | י | י | ב | י | ת | ו | י | ל | ש | ז | ס | ט |
| א | א | צ | ט | פ | א | י | א | ו | י | פ | ג | י | ו | צ |
| ב | ש | ש | ד | כ | ו | ג | ק | ב | ז | ו | ו | ת | ג | ג |
| ע | ח | ה | ז | נ | ר | ל | כ | ו | ה | ו | כ | כ | ז | א |

## טרעף די וועג

כאפ זיך אריבער קיין אומאן צום רבינ'ס ציון



## א שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

**ב. עִיר שֶׁאֵין בָּהּ הַכְנָסַת אוֹרְחִים בָּאִים לִידֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וְעַל יְדֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת בָּא עֲלֵיהֶם הַרִיגָה.**

אַ שְׁטָאט וָואס מֶען נֶעמְט דָארְט נִישְׁט אַרַיין קַיין גֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן טוּן הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי עֲבֵירוֹת מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן גֶע'הַרְגֶ'ט וֶוערְן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילדער?




**ענטפער פון פאריגע וואך**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווער ס'איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר!"

# קינדער טאלאנט



מאיר און נתן פוקס נ"י
קרית ברסלב
די טויערן פון אומאן איז אפען



אברהם יצחק פוקס נ"י
קרית ברסלב
א שבת טיש



משפחת בלום
קרית ברסלב



שמולי ברנבוים נ"י
קרית ברסלב
א ספיקער און א מייק



משפחת שטיינבערג
קרית ברסלב

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

נפתלי העסקעל נ"י - לאנדאן פארציילט:










שיינדיג און פייגי אינדיג תחי' - קרית ברסלב פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג





סיום מסכת גיטין אין היכל הקודש בית שמש
מאנטאג שופטים



סיום מסכת גיטין אין שטוב פונעם מגיד שיעור מו"ה
יעקב לעזער הי"ו מיט די קינדער אין שטעטל

קרעדיט: משה ארי' שניטצלער



קרעדיט: משה ארי' שניטצלער



סעודת ראש חודש מיט די חשובע כולל אינגעלייט אין שטעטל

קרעדיט: אליעזר דייטש



סיום הש"ס פון הילד נחמן שמחה אפעלבוים נ"י
יום א' כי תצא

קרעדיט: שמעון פארטיגאל



די זיידע המפיץ הגדול מו"ה נתן יאקאבאוויטש הי"ו בייס
רעדן לכבוד די סיום הש"ס פון זיין אייניקל







**לחיים - ווארט - תנאים פון החתן שלום אלי' נ"י בן מו"ה שמואל יודא פעלבערבוים הי"ו עב"ג מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א - א' כי תצא תשע"ג**




**וואכנאכט פון בן מו"ה יעקב לעזער הי"ו - ב' כי תצא תשפ"ג**




**ברית פון ישראל נ"י בן מו"ה יעקב לעזער הי"ו - ג' כי תצא תשפ"ג**







**די קינדער פארברענגען מיטן מלמד הרב יוסף שניצלער אין מחנה אילן החיים - ג' כי תצא תשפ"ג**




**סיום הש"ס של החתן מרדכי לייב טירנויער נרו יאיר אין היכל ראזענבערג - ד' כי תצא תשפ"ג**




**ביים בויען א געזיבאוי אין וואלד אינטערן שטעטל בית המדרש בים גן עדן התחתון**



קרעדיט: משה מאסרי



קרעדיט: שמעון פיש

אפשערן פון הילד שלום יצחק נרו יאיר בן מו"ה עזרא זיאת הי"ו אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל

אפשערן פון הילד אליעזר שלמה נרו יאיר בן מו"ה אהרן פיש הי"ו אין תלמוד תורה קרית ברסלב



קרעדיט: לייבי ראטה



קרעדיט: CME

לחיים - ווארט - תנאים פון החתן שמעון נ"י בן הראש ישיבה שליט"א עב"ג הרב אברהם משה שטראססער



קרעדיט: יעקב פיש



קרעדיט: יעקב פיש

כיתה פון מו"ה הערשל שניצלער הי"ו ביים באקומען א סעט משניות פונעם ראש ישיבה שליט"א - ה' כי תצא



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה

כיתה פון מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו ביים באקומען א סעט משניות פונעם ראש ישיבה שליט"א - ה' כי תצא

# ענבי הגפן בענבי הגפן
# דבר נאה ומתקבל

מיט הארציגע ברכות טוען מיר וואונטשן א ווארימע
ברכת מזל טוב
פאר אונזער פריינט, דער גרויסער מפיץ
החתן החשוב

## מו"ה **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו

צום פרייליכן מאמענט
ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן
אז ער האט זוכה געווען צו חתונה האבן
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

עב"ג הכלה החשובה תחי'
בת מו"ה **יעקב יואל כהן** הי"ו

און צו די זעלבע צייט וואונטשן מיר א ווארימע ברכת מזל טוב פאר די
חשובע זיידעס
בראש וראשון
הרה"ח ר' **אברהם חיים פארקאש** שליט"א
וואס האט געהאט די זכי' אז ער האט אוועקגעגעבן פון זיין שטוב פאר
בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, און באגלייט עס מיט גרויס
איבערגעגעבנקייט ביזן היינטיגן טאג

און אזוי אויך פארן חשובן זיידן
הרה"ח ר' **אברהם כהן** שליט"א, אב"ד נאסאד
וואס העלפט ארויס אנשי שלומינו מיט גרויס געטריישאפט בכל עת מצוא

ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר אויסדרוקן אונזער געוואלדיגע
הכרת הטוב פארן חתן ני"ו פאר זיין ברייטהארציגקייט מיט דעם
וואס דער גרויסער מפיץ האט געהאט די זכי' צו זיין דער
נדבן פונעם גרויסן חדר הדפסה אינעם בנין פון קרן הדפסה
פון וואו צענדליגע טויזנטער ספרים און קונטרסים ווערן געדרוקט

וואויל איז דיר מרדכי לייב, אשריך ואשרי חלקך! דו האסט די זכיה צו האבן א
חלק אין אלע אקטיוויטעטן פונעם קרן הדפסה. דו ביסט א גלייכע שותף אינעם
דרוקן פון די אלע הייליגע ספרים, קונטרסים און סידים וואס ווערן פארשפרייט
פון דא פאר טויזנטער און טויזנטער אידן איבער די וועלט!

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט אויפשטעלן א בית נאמן בישראל,
דער באשעפער זאל דיר בענטשן מיט בני חיי ומזוני רוויחי, עס זאל ארויסקומען
פון אייך ערליכע און לעכטיגע אידישע דורות!

וואונטשן
**הנהלת קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב**

# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT



mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

# כוס תנחומין

פון טיפן הארצן ווילן מיר שיקן אונזער טרייסט ווערטער פאר אונזער
טייערע חברים די פיר חשובע ברודער וואס זענען שטענדיג גרייט צו
העלפן אונזער היילינגע קהילה ווען עס פעלט זיך נאר אויס

**מו"ה יעקב שאול נרו יאיר   מו"ה אהרן ישראל נרו יאיר**
**מו"ה אברהם מרדכי נרו יאיר   הבחור שמעון פיש נרו יאיר**

און פאר זייער חשובע טאטע
**מו"ה פנחס זעליג שלום הי"ו וזוגתו תחי'**

אויף די פריצייטיגע פטירה פון זייער אומפארגעסליכער ברודער
**מו"ה יואל משה יצחק ע"ה**
בן יבלחט"א מו"ה פנחס זעליג שלום הי"ו

דער אייבערשטער זאל ענק טרייסטן איר זאלט מער קיינמאל
נישט וויסן פון קיין צער. און מיר זאלן שוין
אלע בקרוב זוכה זיין צו זען בנחמת ציון וירושלים.

ווי עס וואונטשט

און אלע אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט

בס"ד

# אכטונג

## ווער עס גלייבט אין מיר זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה

חיי מוהר"ן ת"ג

## ווער עס איז זוכה צו זיין ביי מיר ראש השנה זאל זיין זייער פרייליך א גאנץ יאר

חיי מוהר"ן ת"ג

מיין שותפות
אינעם רבינ'ס שול

דעם רבינ'ס שול
ביהמ"ד
היכל הקודש
אומאן

גדול יהיה כבוד הבית הזה

צו נעמען א חלק אין בויען דעם רבינ'ס שול ווי אויך
פאר כסדר'דיגע באריכטן פארבונד אייך מיט אונז

**845.217.1302**